יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

(ציהונג פון דער מלוכה-לאטעריע — זעה זייט 9.)

היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט


| № 213 | Łódź, Wtorek, 12 września 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג, כ"א אלול תרצ"ג | № 213 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71


# א קאמיסאר אין לאדזער ק.ק.א.

נעכטען 8 א זייגער אין אווענד איז פאר-געקומען א נארמאלע זיצונג פון ראט פון ק. ק. א. (קאמונאלע אפשפארונגס-קאסע).

דער אנוועזענדער קאמיסאר איינוש, וואיע-וואדזקי, האט פאר דער ערעפנונג פון דער זיצונג איבערגעלעזען א באשטימונג פון וואיעוואדע, אז דער ראט און די פערוואלטונג פון ק. ק. א. ווערען אויפגעלעזט און עס ווערט בעשטימט א קאמיסאר. אלס קאמיסאר איז בעשטימט געווארען ה' רודניצקי.

* * *

נעכטען בייטאג איז פארגעקומען א בעראטונג פון די סאציאליסטישע פארטייען פ. פ. ס., בונד, לינקע פועלי ציון און דייטשע ארבייטס-ווענען ארויסטרעטען פון ק. ק. א. אין צוזאמענ-האנג דערמיט, וואס עס איז בעשטימט געווארען א קאמיסאר אין מאגיסטראט. אויף דער בערא-טונג איז צו קיין הסכם נישט געקומען צווישען די אלע פערטרעטענדע פארטייען.

אויף דער זיצונג פון ראט פון ק.ק.א. וואס איז פארגעקומען אין אווענד, האבען די פערטרע-טער פון פ.פ.ס. און „בונד" געוואלט פארלעזען זייערע דעקלאראציעס אין וועלכע זיי ערקלערען, אז זיי טרעטען ארויס פון ראט, נאר נאך דער ערקלערונג פון קאמיסאר וואיעוואדזקי איז די זי-צונג ווייטער נישט געפיהרט געווארען.

און אין צוג בעפאלען געווארען דורך נאציס, — האט דער פערטרעטער פון דער נאציאנאל-סאציא-ליסטישער פארטיי, רודאלף העס, ארויסגעגעבען א ספעציעלען בעפעהל צו אלע נאציאנאל-סאציא-ליסטען; אין דאזיגען בעפעהל ווערט געזאגט, אז קאמוניסטישע און מארקסיסטישע שפיצלען פרא-וואצירען די שטורם-אפטיילונגען, זיי זאלען אנ-פאלען אויף אויסלענדישע בירגער און אזוי ארום ארויסרופען פאליטישע שוועריגקייטען אין דייטש-לאנד; דעריבער ווארענט העס, מען זאל זיך נישט לאזען פראוואצירען, אין געגענטייל וועט מען שטרענג בעשטראפט ווערען און זאגאר אויס-געשלאסען ווערען פון דער נאציאנאל-סאציאליס-טישער פארטיי.

## קאנאדער יודען קניפען אז האנדעלס-בעציהונגען מיט פוילען

נ י ו - י א ר ק, 11 (ספ. טעל.)

פון מאנטרעאל (גרעסטע שטאדט אין קא-נאדע) מעלדעט מען, אז א רייהע אנגעזעהענע יודי-שע כלל-טוער, ווי דעפוטאט דזשייקאבס, רעדאק-טאר וואלאפסקי און אנדערע בעמיהען זיך וועגען דעם, אז קאנאדא זאל אנקניפען נעהנטערע האנ-דעלס-בעציהונגען מיט פוילען און אז א גאנצע רייהע ארטיקלען, וואס קאנאדא האט ביז איצט גע-בראכט פון דייטשלאנד, זאל זי איצט ברענגען פון פוילען. עס ווערט געשאפען צו דעם ציל אין קאנאדא א פויליש-יודישער פעראיין. דאס וועט האבען א גרויסע בעדייטונג פאר פוילען, ווייל דאס וועט קאנען דאדורך פערגרעסערען איהר עקספארט קיין קאנאדא.

## שטימען אין ענגלאנד וועגען צונעמען דעם פוילישען קארידאר

ל א נ ד א ן, 11 (ספ. טעל.)

די דייטשע פראפאגאנדע מאכט ווייטער די גרעסטע אנשטרענגונגען, אז די ענגלישע פרעסע זאל שרייבען לטובת דייטשלאנד. אין היינטיגען „דיילי מירער", וואס געהערט צום לארד ראטהע-מער, איז אפגעדרוקט א גרויס ארטיקעל, אז אום צו ראטעווען דעם וועלט-שלום, מוז מען ווי אמ-שנעלסטען אפשאפען די אונגערעכטיגקייט פון ווערסאילער טראקטאט און, קודם-כל, דעם „פוילי-שען קארידאר", וואס בעדראהט דעם וועלט-שלום.

## אויפרוף פון „אגודת הרבנים" צו דער יוד. בעפעלקערונג
### צו צייכענען די פוילישע אינערליכע הלוואה

ו א ר ש א, 11 (יט"א טעלעפאניש)

די „אגודת הרבנים" האט ארויסגעלאזט אן אויפרוף צו דער יודישער בעפעלקערונג, אין וועלכע ס'ווערט אויפגעפאדערט צו צייכענען די פוילישע נאציאנאלע אינערליכע הלוואה.

## פראנצויזישע רעגירונג אינטערווענירט
### וועגען 2 צושלאגענע פראנצויזישע יודען אין דייטשלאנד

פ א ר י ז, 11 (ספ. טעל.) צוליצ'ן דעמארש פון פראנצויזישען געזאנדטען אין בערלין וועגען דעם, וואס מען האט געשלאגען צוויי פראנצויזישע יודען וועלכע זענען דורכגעפאהרען דייטשלאנד


מיט ערשיטערט שטעהען מיר פאר דעם פרישען קבר פון אונזער יונג-פער-שטארבענעם, אונפערגעסליכען מיטארבייטער

נ"ע יצחק רארמאן

אין פערשטארבענעם פערלירען מיר א האפנונגספולען און טרייען בעאמטען, וועלכער האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיינע פעהיגקייטען און מעלות.

זיין אנדענקען וועלען מיר שטענדיג מיט עהרע דערמאהנען! תנצב"ה

ראט, פערוואלטונג און דירעקציע

פון באנק קופיעצקא-קרעדיטאווי ספ. אין לאדז.



נאך קורצע און שווערע ליידען איז פון אונז אוועקגעריסען געווארן אונזער בעסטער חבר, געטרייער פריינד און בעגאבטער מיטארבייטער

נ"ע יצחק רארמאן

זיין פריינדשאפטליכעס און ליבענספולע בענעהמען, זיינע פעהיגקייטען און פלייס האבען איהם שטענדיג געשטעלט אין אונזער ערשטער רייה. מיט זיינע גוטע כאראקטער-אייגענשאפטען האט ער אונז שטענדיג גערינט אלס ביישפיל.

זיין אנדענקען וועט אונז שטענדיג טייער זיין! חבל על דאבדין ולא משתכחין!

די בעאמטע פון באנק קופיעצקא-קרעדיטאווי ספ. אין לאדז.

